Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT | פרייז 20 גראָשען | היינט 8 זייטען.

# נייער פאָלקסבלאַט

אומפּאַרטייאישע פּאָליטיש-געזעלשאַפטליכע טאָג-צייטונג

Nr. 284/1579 | Łódź, Czwartek 6 grudnia 1928 r. | זעקסטער יאָהרגאַנג | לאָדז, דאָנערשטאָג כג כסלו תרפ"ט | Nr. 284/1579

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 24-71. | אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: לאָדז, פּעטריקאָווער 21, טעל. 24-71

# רעטזעלהאַפטע שיסעריי אין בעלוועדער

וואַרשאַ, 5 (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספאָנדענט) היינט אַרום האַלב 3 ביינאַכט האָט זיך דערהערט אַ שיסעריי אין בעלוועדער, ס'איז באַלד אָנגעקומען די פּאָליציי און די אָרטיגע וואַך. באַלד דערויף האָט מען אין 20 שריט פון פּאַלאַץ דעם עלטסטען וואַכמיסטער פון דער זשאַנדאַרמעריע פראַנצישעק קאַריזמא געפונען ליגען אויף דער ערד.

מ'האָט אַרויסגערופען די פּאָגאָטאָוויע, וועלכע איז אָבער נישט אַריינגעלאָזען געוואָרען, ווייל מ'האָט קאָנסטאַטירט, אַז דער וואַכמיסטער קאַריזמא איז טויט. ס'האָט זיך באַלד אָנגעהויבען אַן אויספאָרשונג פון דער מיליטערישער מאַכט און ס'איז פעסטגעשטעלט געוואָרען, אַז דער דער'הרג'עטער האָט בעקומען אַ קויל אין שלייף. ס'האָבען זיך אָבער געהערט פיל אַנדערע שאָסען. דער גאַנצער בנין פון בעלוועדער איז באַלד אַרומגערינגעלט געוואָרען מיט פּאָליציי-אַגענטען, און פּאַרק האָט זיך אָנגעהויבען אַן'אָבלאַווע, אויפ'ן אָרט געפינט זיך פּראָקוראָר קאָראָמאַרטשיק און זשאַנדאַרמעריע-שעף פּיאַנטקעוויטש.

בעת דער אָבלאַווע איז פערהאַלטען געוואָרען אין דער וואַרטע-בודקע פונ'ם סטרוזש אַ געוויסער קאָסאָווסקי. מ'האָט ביי איהם געפונען אַ רעוואָלווער מיט דריי קוילען. קאָסאָווסקי ערקלערט, אַז ער האָט נישט געשאָסען. ער איז געגאַנגען צו דער אַרבייט, נאָר אַזוי ווי ס'איז נאָך געווען צו פריה, האָט ער זיך פערהאַלטען מיט'ן סטרוזש אַביסעל צו שמועסען.

די אבדוקציע פון טויטען קערפער האָט פעסטגעשטעלט, אַז די קוילען מיט וועלכע דער וואַכמיסטער איז דערשאָסען געוואָרען זענען נישט די זעלבע, וואָס ביי קאָסאָווסקי'ן אין רעוואָלווער. אויך איז פעסטגעשטעלט, אַז ס'זענען אָפּגעגעבען געוואָרען 6 שאָסען און ביי קאָסאָווסקי'ן פעהלען וועניגער קוילען.

וואַרשאַ, 5 (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספאָנדענט) די אויספאָרשונג אַרום די רעטזעלהאַפטע שאָסען אין בעלוועדער געהט צו זעהר ענערגיש. מיט דער אויספאָרשונג פיהרען אָן דער שעף פון דער זשאַנדאַרמעריע פּולקאָווניק פּיאָנטקאָווסקי, דער מיליטערישער אויספאָרשונגס-ריכטער קאַרטשמאַרעק און דער אויספאָרשונגס-ריכטער פאַר אויסערגעוועהנליכע ענינים לוקסעמבורג. עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרען, אַז קאָסאָווסקי איז געווען אַן'אַגענט פון דער געהיים-פּאָליציי, און איז פון דאָרט דערווייטערט געוואָרען דעם 1-טען יוני ה. י. פאַר שכרות. שפּעטער איז ער אָנגענומען אויף דער גרעניץ-וואַך, אָבער אויך פון דאָרט איז ער דעם 1 נאָוועמבער ה. י. דערווייטערט געוואָרען.

—:0:—

נאָך לאַנגע און שווערע ליידען איז נעכטען געשטאָרבען אין עלטער פון 48 יאָהר מיין הייסגעליבטער מאַן, אונזער ליבער פאָטער

נ. ע. משה בן ר' יצחק ז"ל ליפשיץ

די לוי' קומט פאָר היינט, דאָנערשטאָג, דעם 6. דעצעמבער, 12 אַ זייגער בייטאָג פון טרויער-הויז, קילינסקי 89, וועגען וואָס עס טיילען מיט אין גרויס צער

די טיפטרויעריגע הינטערבליבענע.

8002

דאַנקזאַגונג.

די אַלע, וועלכע האָבען אָנטיילגענומען אין דער לויה פון אונזער אומפערגעסליכע

נ"ע הדס וויינבערג

דריקען מיר אויס אונזער האַרציגסטען דאַנק

די טיפטרויעריגע פאַמיליע.

זאַל „הזמיר", אַל. קאָשטשושקי 21

שבת, דעם 8-טען און זונטאָג, דעם 9-טען דעצעמבער ד. י., 8.30 אַ זייגער אין אָוועגד

2 גרויסע חנוכה-קאָנצערטען

פון דער בעריהמטער יודישער פאָלקס-לידער-זינגערין

הילדא דאָריצקא

אין פּראָגראַם: פאָלקס, חסיד'ישע, פאַלעסטינער און סינאַגאָגאַלע לידער.

בילעטען צו בעקומען ביי ה' האַמבורסקי (פּעטריקאָווער 42) און ביי ה' זעלמאַנאָוויטש (פּעטריקאָווער 12).

9887

די לעצטע 2 טעג!!!

נור ביז פרייטאָג, דעם 7-טען דעצעמבער ד. י. איז מיר געלונגען צו פערלענגערען דעם פערקויף פון די 50% קאָסמעטישע אַרטיקלען

צו שפּאָט ביליגע פרייזען

15 ביז 30 פּראָצענט אונטער'ן פּרייז

בעמערקונג: יעדער קויפער בעקומט גראַטיס אַ פלאַשקע עכט קעלניש וואַסער JOHAN MARJA FARINA און אַ טובקע צאָהן-פּאַסטע CHLORODONT

פּערפומעריע 22 PIOTRKOWSKA S.BUCHWAJC

TELEF.: 31-43 i 59-67.

